


## Chanson et satire

# Reb Mordkhele (1861 - 1917)

***De son vrai nom Khaim Tshemerinski, il se moque ici des écrivains yiddish modernes dont le niveau d'instruction est parfois déclinant, dans la continuité de la Haskala qui prenait pour cible de raillerie les hassidim.***

**My Town Motele (Jerusalem, 2002).**

## Parodie d'après *Oyfn Pripetshik* de Warshawsky

**Original :**

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט א פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

זאָגט זשע קינדערלעך, געדענקט זשע טייַערע
וואָס איר לערענט דאָ,
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל און טאַקע נאָך אַ מאָל
קמץ אַלף — אָ.

לערנט, קינדער, מיט גרויס חשק
אַזוי זאָג איך אייַך אָן.
ווער ס'וועט גיכער פון אייַך קענען עיבֿרי,
דער באַקומט אַ פאָן.

לערנט קינדער, האָט נישט מורא
יעדער אָנהייב איז שווער;
גליקלעך דער וואָס האָט געלערנט תּורה,
צי דאַרף אַ מענטש נאָך מער?

אַז איר וועט קינדערלעך, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פאַרשטיין
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן,
און וויפֿל געוויין.

אַז איר וועט קינדערלעך דעם גלות שלעפּן,
אויסגעמוטשעט זייַן,
זאָלט איר פֿון די אותיות כּח שעפּן.
קוקט אין זיי אַרייַן.

**Parodie :**

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט א פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און אַ שרייַבערל, נאָך גאָר אַ פֿרייַערל,
לערנט אַלף–בית.
—זאָג זשע, תּכשיטל, זאָג זשע, נחתל,
ווּ דו האַלטסט שוין דאָ?
—כ׳לערן טראַף אַצינד, אָט איז אַ פתחל:
פּתח אַלף — אָ.
אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט א פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
פֿאַר אַ שורה כאַפּט ער שוין אַ דרייַערל,
שרייַבט, גייט אָפּ מיט שווייס.
אַ פּאָעט גאָר גרויס, האָט זייַן גלייַכן נישט,
סייַדן עדגאַר פּאָ—
דאַנקען גאָט, געכאַפּט אַצינד דעם רעכטן שניט,
חיריק אַלף — אָ.

דאַרף אַ מאָל דערהערן אונדזער שטערן
אַ נייַס פֿון סטיל מאָדערן,
שרייַבט ער אויך שוין נאָר נאַטור–ליטעראַטור,
גראַם–שטראַם–באַם — שור–בור.
בלאָזן ווינטעלעך, בילן הינטעלעך,
שווִיבלען, גריבלען פּינטעלעך,
הפֿקר פּעטרישקע, קיין עיבֿרי גאָר נישטאָ,
קמץ אַלף ... וויאָ!
ווי דערלעבט מען שוין אַן אַקאַדעמיעלע
אין אַ גוטער שעה:
אַ סטיפּענדיע מאַכן מיט אַ פּרעמיעלע
פֿאַר קמץ–אַלף — אָ.

**Source :** Yitskhok Niborski